"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א
באידיש

פרשת ויקהל | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון צו

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

בך בטחתי א
אורח חיים י
עבודה למחשבה ח

## בך בטחתי

### אומנות קלה ונקיה;
פרנסה אָן קיין פלאָג

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור מ"ב, יום א' תשא י"ב אדר תש"פ

**חלק א**

א

# וירא מנוחה כי טוב; זיך אויסוועלן אַ לייכטע פּרנסה וואָס שטערט נישט די מנוחת הנפש

**אותיות מחכימות** — חובת הלבבות שער הבטחון; פתיחה

מֵהֶם, מְנוּחַת הַנֶּפֶשׁ וְהַגּוּף מִן הַמַּעֲשִׂים הַקָּשִׁים וְהַמְּלָאכוֹת הַמְיַגְּעוֹת אֶת הַגּוּפוֹת, וַעֲזֹב עֲבוֹדַת הַמְּלָכִים וְחֻקֵּיהֶם וְחָמָס אַנְשֵׁיהֶם.

וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' הוּא תּוֹבֵעַ מִסִּבּוֹת הַטֶּרֶף מַה שֶּׁיֵּשׁ בּוֹ יוֹתֵר מְנוּחָה לְגוּפוֹ, וְשֵׁם טוֹב לוֹ, וּפְנַאי לְלִבּוֹ, וּמַה שֶּׁהוּא מֵפִיק יוֹתֵר לַחוֹבוֹת תּוֹרָתוֹ עִם יוֹתֵר אֱמוּנָתוֹ. כִּי הַסִּבָּה לֹא תוֹסִיף לוֹ בְּחֻקּוֹ וְלֹא תְחַסְּרֵהוּ מִמֶּנּוּ מְאוּמָה אֶלָּא בִּגְזֵרַת הָאֱלֹקִים יִתְבָּרֵךְ.

כְּמוֹ שֶׁאָמַר (תהלים עה, ז): כִּי לֹא מִמּוֹצָא וּמִמַּעֲרָב וְלֹא מִמִּדְבַּר הָרִים, כִּי אֱלֹקִים שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים.

וְאָמַר (תהלים כג, ב): בִּנְאוֹת דֶּשֶׁא יַרְבִּיצֵנִי עַל מֵי מְנֻחוֹת יְנַהֲלֵנִי.

## דער בוטח בה' פּלאָגט זיך נישט ביים אַרבעטן

דער חובת הלבבות שמועסט דאָ אויס נאָך אַ געוואַלדיגע תועלת וואָס דער בעל בטחון וועט באַקומען פון אַ גשמיות'דיגן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס לעבן וועט אים פּשוט זיין גרינגער, אפילו פּראַקטיש גערעדט:

**מֵהֶם, מְנוּחַת הַנֶּפֶשׁ וְהַגּוּף מִן הַמַּעֲשִׂים הַקָּשִׁים וְהַמְּלָאכוֹת הַמְיַגְּעוֹת אֶת הַגּוּפוֹת** - דער מענטש וואָס האָט אַ בטחון, וועט קענען אַרבעטן פאר פּרנסה מיט אַ 'מנוחת הנפש' און אַ 'מנוחת הגוף', אָן דאַרפן טון שווערע פּעולות און אָן אַזעלכע סאָרט אַרבעט וואָס מאַטערט אויס דעם גוף.

**וַעֲזֹב עֲבוֹדַת הַמְּלָכִים וְחֻקֵּיהֶם וְחָמָס אַנְשֵׁיהֶם** - אַמאָליגע צייטן האָט מען געקענט אַרבעטן פאַר'ן קעניג פאר גוט באַצאָלט, אָבער מ'האָט געדאַרפט שווער אַרבעטן. דער בעל בטחון וועט קענען אָפּלאָזן אָט די אַרבעט פאַר'ן קעניג און זיינע געזעצן.

## דער טעות אַז מען 'מוז' אַרבעטן ביטער שווער

אַסאַך מאָל קען מען הערן ווי מענטשן מאַכן זיך דעם חשבון: ס'איז טאַקע אַביסל משוגע צו אַרבעטן אַזוי שווער, אָבער הער זיך איין, למעשה ווען ס'קומט סוף חודש דעקט זיך עס... איך אַרבעט טאַקע בייטאָג און ביינאַכט, כ'האָב קוים צייט צו מיין משפּחה, אָבער **וואָס איז די אַנדערע אָפּציע?! כ'זאָל זיין אַ בעל חוב?!** כ'האָב נישט קיין כח צו דרייען געלט! כ'קען נישט לעבן מיט אַ צמצום. ליבערשט וועל איך טאַקע אַרבעטן ביטער שווער, אָבער לכה"פ סוף חודש וועל איך אַהיימקומען מיט שיין געלט.

זאָגט דער חובת הלבבות פאר דעם מענטש: דו האסט דאָ צאַמגעמישט צוויי זאַכן! **ס'איז נישטאָ קיין שום צורך צו נעמען אַזאַ סאָרט מלאכה וואָס מוטשעט אויס דעם גוף מיט'ן נפש!** איך ווייס וואָס דו שפּירסט, אַז כדי צו פאַרדינען מער געלט דאַרפסטו אַרבעטן שווערער. אָבער אויב ביסטו אַ בעל בטחון וועסטו נישט דאַרפן אויסקלייבן אַזעלכע שווערע אַרבעט וואָס רויבט אַוועק דיין מנוחת הנפש און דיין מנוחת הגוף!

## אַן אַרבעט וואָס לאָזט איבער פּלאַץ פאַר'ן האַרץ

**וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' הוּא תּוֹבֵעַ מִסִּבּוֹת הַטֶּרֶף מַה שֶּׁיֵּשׁ בּוֹ יוֹתֵר מְנוּחָה לְגוּפוֹ, וְשֵׁם טוֹב לוֹ,** - דער בוטח בה' זוכט זיך אַזאַ סאָרט אַרבעט וואָס וועט אים געבן מער מנוחה פאַר'ן גוף, און אַן אַרבעט וואָס גיט אים אַ 'שם טוב'. די מפרשים זענען מסביר אַז ס'איז דאָ אַזעלכע סאָרט מלאכות וואָס ברענגט דעם מענטש לידי חשד, ווי **חז"ל** זאָגן (קידושין פב, א): אַז די 'חמרים' - מענטשן וואָס רייטן אויף אייזלען פאר פּרנסה, 'רובם רשעים'. ס'איז דאָ פאַרשידענע מלאכות וואָס ברענגען אַ חשד, לגבי געלט זאַכן אָדער לגבי אידישקייט זאַכן. דער בעל בטחון גייט נישט נאָנט צו אַזעלכע פּרנסות. ער נעמט בלויז אַזאַ סאָרט אַרבעט וואָס ברענגט אים אַ גוטע נאָמען.

**וּפְנַאי לְלִבּוֹ** - ער נעמט אַזאַ סאָרט אַרבעט וואָס זיין האַרץ זאל בלייבן רואיג און ליידיג. זיין האַרץ איז ווייטער אָפּן צו קענען דאַוועגען און לערנען, צו קענען פאַרברענגען יעדן טאָג מיט זיין משפּחה און מחנך זיין די קינדער רואיג.

**וּמַה שֶּׁהוּא מֵפִיק יוֹתֵר לַחוֹבוֹת תּוֹרָתוֹ** - ווען ער זוכט אַן אַרבעט נעמט ער אַריין אין חשבון אַז ס'זאָל אים נישט שטערן פון זיין עבודת ה', און אַז ער זאָל ווייטער קענען טון זיינע פליכטן על פי תורה, מיט מער אמונה.

### אַרבעט ברענגט נישט קיין געלט

איי, די אַרבעט וואָס איך האָב דאָ אויסגעקליבן איז דאָך גאַנץ שוואַכע מעשיות?! אפשר הייסט דאָס נישט קיין השתדלות?! זאָגט דער חובת הלבבות: **עִם יוֹתֵר אֱמוּנָתוֹ כִּי הַסִּבָּה לֹא תוֹסִיף לוֹ בְּחֻקּוֹ וְלֹא תְּחַסְּרֵהוּ מִמֶּנּוּ מְאוּמָה, אֶלָּא בִּגְזֵרַת הָאֱלֹקִים יִתְבָּרֵךְ.** דער בוטח בה' האָט אַ קלאָרע אמונה אַז די סיבה - די אַרבעט וואָס ער האָט גענומען, דאָס גייט אים נישט ברענגען מער פּרנסה, אָדער ווייניגער פּרנסה. דאָס געלט וויפיל מען פאַרדינט באַקומט מען בלויז מיט אַ פּונקטליכע גזירה פון השי"ת.

**כְּמוֹ שֶׁאָמַר** (תהלים עה, ז)**: כִּי לֹא מִמּוֹצָא וּמִמַּעֲרָב וְלֹא מִמִּדְבַּר הָרִים, כִּי אֱלֹקִים שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים.** - דער 'פּת לחם' איז מסביר אַז דער חובת הלבבות באַציט זיך דאָ צו דעם **מדרש** (במדבר

# דאַרפסט טון אין אמונה ובטחון, און נישט אין די סוגיא פון אַרבעטן שווער!

רבה, כב ח[א]) וואָס זאָגט אַז 'הרים' איז טייטש 'דערהויבן'. אַ מענטש קען קיינמאָל נישט ווערן דערהויבן אָדער פאַרדינען מער געלט אויב ער וועט פאָרן קיין מזרח אָדער קיין מערב. די **זאַך פון פּרנסה האָט בכלל נישט צוטון מיט וועלכע אַרבעט ער טוט.** נאר השי"ת איז משפיל איינעם און דערהייבט אַ צווייטן.

**וְאָמַר** (תהלים כג, ב) **בִּנְאוֹת דֶּשֶׁא יַרְבִּיצֵנִי עַל מֵי מְנֻחוֹת יְנַהֲלֵנִי.** - דער רבוש"ע האָט מיר אַוועקגעזעצט אויף די רואיגע גראָז, ער פירט מיר אויף די רואיגע וואַסערן. דער בעל בטחון קען האָבן אַ געשמאַקע אַנגענעמע פּרנסה. ס'איז נישטאָ קיין שום געברויך צו נעמען אַ שווערע אַרבעט.

### מ'דאַרף אַרבעטן 'פלייסיג' אָבער נישט 'שווער'

מ'דאַרף גוט אָפּלערנען דעם חובת הלבבות ווייל מענטשן זענען זייער צעמישט אין דעם ענין. זיי שפּירן אַז: "אויב איך נעם נישט קיין שווערע אַרבעט, דעמאָלט האָב איך נישט געמאַכט גענוג השתדלות". דער מענטש זאָגט אַזוי: "איך האָב ב"ה אַ משפּחה מיט קינדער און דאָס לעבן קאָסט מיר אַ חודש אַ שיינע פאר טויזנט דאָלער חודש'ליך. און כדי דאָס צו דעקן, מוז איך אַרבעטן ביטער שווער".

דער חובת הלבבות לערנט אונז אָבער דעם ריכטיגן מהלך: די ערשטע זאַך זיי זיך בודק **אויב דו אַרבעטסט די געוועגליכע שעות**, וויפיל ס'איז אָנגענומען בדרך העולם אַז מען אַרבעט פאר פּרנסה. נאָכדעם זיי זיך בודק **אויב דו פאַרפּאַטשקעסט נישט דיין צייט ביי דער אַרבעט**, נאר דו פילסט אָן דיינע שעות געהעריג. אַצינד, אויב דו זעהסט אַז דו קענסט זיך נאָכנישט דעקן, איז דאָס אַ סימן אַז דו דאַרפסט עוסק זיין אין אַן אַנדערע סוגיא: **דאַרפסט טון אין אמונה ובטחון, און נישט אין די סוגיא פון אַרבעטן שווער!** ווייל פּרנסה איז נישט געמאַכט געוואָרן אַז ס'זאָל אָנקומען מיט געפערליכע טרחות. נישט אַזוי האָט השי"ת אויסגעשטעלט די וועלט!

ב

## אדם לעמל תורה נברא; לייג ענדערש אַריין די האָרעוואַניע אין אמונה ובטחון

### וואָס טוט זיך מיט 'בזיעת אפך תאכל לחם'?!

ווען מ'לערנט אַזאַ חובת הלבבות, אַז דער מענטש מעג זיך נעמען אַן אַרבעט וואָס פאַרלאַנגט נישט קיין יגיעת הגוף, מ'קען זיך זוכן אַ געשמאַקע פּרנסה וואָס קומט באַגלייט מיט אַ מנוחה, שטעלט זיך גלייך די קשיא: **וויאַזוי שטימט דאָס מיט'ן כלל פון 'אדם לעמל יולד'?!** מיר ווייסן דאָך פון דעם פּסוק **'בזיעת אפך תאכל לחם'**, וואָס דערפון איז משמע אַז מ'דאַרף יאָ אַרבעטן שווער?

אַזוי זעט מען טאַקע אין דער וועלט, אַז ווען איינער מוטשעט זיך מיט פּרנסה וועלן אַלע אַרומיגע גלייך קומען מיט זייערע מיינונגען: **דיין פּראָבלעם איז, אַז דו אַרבעטסט נישט גענוג שווער. דאַרפסט אַריינלייגן מער כוחות!**

און באמת איז דאָס ווירקליך אַן איידעלע נקודה, ווייל אין די ספרים שטייט אַז עצלות איז אַ גרויסע בראָך און איינער וואָס איז פויל און איז נישט גרייט צו אַרבעטן, וועט טאַקע נישט האָבן קיין פּרנסה. **עצלות איז אַ סתירה מיט בטחון,** ווייל דער בעל בטחון טוט דעם רצון ה', **ער מאַכט זיין השתדלות ריכטיג**, און זיצט נישט אויף אַ בענקל מיט איין פיס אויפ'ן אַנדערן, זאָגנדיג אַז ס'גייט אים אַריינפאַלן פּרנסה. אויב אַזוי, ווי שטימט דאָס מיט די ווערטער פון דעם חובת הלבבות אַז מ'דאַרף טרעפן אַ געשמאַקע אַרבעט וואָס שטערט נישט די מנוחת הגוף?!

### אַרבעט שווער, אָבער אויף די ריכטיגע זאַכן

דער פּירוש 'פּת לחם', דאָ אויפ'ן פּלאַץ, איז מסביר די תשובה ווי פאָלגנד:

דער חובת הלבבות זאָגט נישט אַז דער מענטש זאל נעמען אַ לייכטע פּרנסה, כדי ער זאָל זיך קענען לאָזן וואוילגיין און זיצן אויפ'ן זון ביים וואַסער... פאַרקערט, מ'דאַרף טאַקע אַרבעטן שווער! אָבער אַנשטאָט אַרבעטן שווער פיזיש ביי דיין פּרנסה, **טויש עס אויף**, און אַרבעט שווער אויף דיין האַרץ און מח, **אַז דיין 'חובת הלבבות' זאָל זיין ריינער און מער אויסגעהאַלטן**, מיט אַ קלאָרע אמונה.

מ'דאַרף טאַקע אַרבעטן שווער דאָ אויף דער וועלט, אָבער **פאַרוואָס עפּעס זאָל מען אַרבעטן שווער אויף זאַכן וואָס זענען סתם בל תשחית?!** ענדערש לייג אַריין כוחות אויף זאַכן וואָס איז נוגע פאר עבודת ה'. לייג אַריין דיין האָרעוואַניע אין די אמת'ע וויכטיגע זאַכן!

דאָס איז דער געוואַלדיגער ריווח פון דעם בעל בטחון, אַז אַנשטאָט דאַרפן אַרבעטן שווער פיזיש, קען ער אַרבעטן רואיג פאר פּרנסה, און **עס בלייבט אים גענוג פּלאַץ פאַר זיין האַרץ און זיין מח.** אַלע האָרעוואַניע קען ער דאָרט אַריינלייגן.

### אָן קיין אמונה האָט מען אַ דאָפּלטע 'חיי צער'

איי, וועט אַ מענטש פרעגן: אויב אַזוי, אַז למעשה דאַרף מען סיי־וי אַרבעטן שווער, פאַרוואָס רעכנט עס דער חובת הלבבות אויס צווישן די גשמיות'דיגע תועלת'ן פון דעם מענטש?! יעדער אַרבעט שווער, איינער ביי זיין פּרנסה; און אַ צווייטער ביי זיין דאַוועגען, לערנען און האָרעווען אויף בטחון. וואָס איז די אויפטוה?!

א. וזה לשון המדרש: מהו 'כי לא ממוצא וממערב' - לא ממה שאדם יוצא ועמל בסחורה והולך ממזרח למערב נעשה עשיר, אפילו פורש בספינות והולך ממזרח למערב וחוזר על המדברות ועל ההרים אינו נעשה עשיר, מהו 'ולא ממדבר הרים', אמר רבי אבא מרומניא כל הרים שבמקרא הרים הם, חוץ מזה שהוא רוממות, שאין אדם מתרומם מן הדברים האלו, מה הקב"ה עושה נוטל נכסים מזה ונותן לזה, שנאמר 'כי אלקים שופט זה ישפיל וזה ירים'. לכך נקרא שמם נכסים שנכסים מזה ונגלין לזה, ולמה נקרא שמם זוזין שזזים מזה ונותנין לזה.

די תירוץ איז אָבער זייער פּשוט: ווען אַ מענטש אַרבעט שווער פיזיש, און ער האָט נישט קיין צייט און קיין כח צו אויסאַרבעטן זיין אמונה אין האַרץ, לעבט דער מענטש **אַ דאָפּלטע חיי צער:** קודם כל, איז אים פּשוט שווער בגשמיות. ער אַרבעט שעות ארוכות בייטאָג און ביינאַכט. ס'איז שוין ניין אַזייגער אָוונט אָבער ער בלייבט נאָך אין אָפיס ביז אַ פערטל צו צוועלף ווייל ער דאַרף נאָך ענדיגן... ווער רעדט נאָך ווען ס'קומט סוף וואָך אָדער סוף חודש און ער אַרבעט זיך איבער, כדי נאָכצויאָגן אַלעס...

אָבער אויסערדעם, אַרבעט ער נאָכאַמאָל שווער, ווייל **ער גיט זיך נישט קיין צייט צו אַנטוויקלען אין זיין האַרץ וויאַזוי צו אָנקוקן זאַכן מיט אמונה;** וויאַזוי צו לעבן אַ געשמאַקע לעבן; און וויאַזוי אָנצונעמען יעדע זאַך ריכטיג און גלייבן אַז אַלעס איז לטובה.

## די פּאַרלוסט אויב מען פּאָקוסירט אויף די נישט ריכטיגע יגיעה

אַזאַ מענטש האָט למעשה פּאַרלוירן צוויי מאָל, ערשטנס **ווייל די אַרבעט איז אים ביטער שווער.** און צווייטנס ווייל ביי **יעדע שוועריגקייט וואָס קומט אים אונטער שפּרינגט ער פאר עגמת נפש.** ווען איינער האָט אים געדאַרפט געבן געלט און האָט עס נאָכנישט געגעבן, עסט ער זיך נעבעך דאָס געזונט.

יעדעס מאָל וואָס ס'געשעט אים אַ אומאַנגענעמע געשעעניש, מיט געלט, אָדער מיט אַנדערע זאַכן, טראַכט ער: **וויאַזוי קען דאָס זיין?!** דער כלל איז דאָך אַז 'אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו', **פאַרוואָס גיט מיך דער אויבערשטער אַזעלכע שווערע נסיונות?!** בשעת די אמת איז, אַז דער רבוש"ע איז טאַקע 'אינו בא בטרוניא עם בריותיו', **אָבער דו האסט זיך געקענט מסדר זיין אויף אַן אופן וואָס דיין האַרץ זאָל זיין גרייט אַז ווען ס'קומט אונטער אַזאַ זאַך!** ווען דו האסט ווען אַביסל מער אמונה, דעמאָלט וואָלסטו געקענט אַריבערגיין דעם שוועריגקייט ביז אַפּאָר מינוט און אָנגיין ווייטער מיט אַ שמייכל!

**קענסט רואיג נעמען אַזאַ סאָרט פּרנסה וואָס לאָזט דיך פּלאַץ צו לערנען חסידי'ישע ספרים בעפאָר אַ יום טוב!**

זאָגט דער חובת הלבבות: **פאַרוואָס האָסטו דאָס געדאַרפט טון?!** נעם אָן אַן אַרבעט וואָס לאָזט דיך איבער מיט גענוג פּלאַץ אין דיין האַרץ און מח אַז דו זאָלסט קענען זיך אָנפילן מיט מער אמונה.

## מ'דאַרף זיך יאָ קענען צוגרייטן צו אַ יום טוב

אַ פאַרנומענער אַרבעטער פרעגט פון זיין חבר: **פון וואו האָסטו געהאַט צייט צו לערנען חסידי'שע ספרים אויף יום טוב?!** אַלס בחור האָב איך דאָס נאָך געקענט טון, אָבער היינט צוטאָגס בין איך דאָך פאַרנומען מיט מיין אַרבעט... כ'האָב נישט קיין מינוט צו לערנען אַזעלכע זאַכן...

זאָגט אים דער חובת הלבבות: **ס'איז דאָך אַזאַ שאָד! פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געפרעגט בעפאָר דו האסט גענומען דעם פּרנסה?!** קענסט רואיג נעמען אַזאַ סאָרט פּרנסה וואָס לאָזט דיך פּלאַץ צו לערנען חסידי'ישע ספרים בעפאָר אַ יום טוב! נעם אַזאַ סאָרט אַרבעט וואָס לאָזט דיך איבער גענוג צייט אַז דו זאָלסט קענען זיך גרייטן מיט אַ שטיקל ריכטיגע הכנה; זאָלסט קענען אַביסל לערנען וואָס דער יום טוב לערנט דיך אויס און הנאה האָבן דערפון און נעמען דערפון חיות אויף אַפּאָר וואָכן שפּעטער. אַזוי וועט דער סדר נאַכט בלייבן אין דיינע ביינער ביז טיף אינמיטן חודש אייר. די שמחה פון פּורים וועט דיך באַגלייטן אַ לאַנגע צייט שפּעטער, **ווייל דו האסט געהאַט צייט צו לערנען חסיד'ישע ספרים אויף יום טוב.** די הייליגע ספרים האָבן דיך אַריינגעשיינט וויאַזוי אָנצוקוקן ריכטיג אַזויפיל זאַכן אין דיין לעבן. וועסט נישט אַרומלויפן אָן קיין קאָפּ צוליב דיין שווערע אַרבעט!

## לכו לחמו בלחמי - זיך פּלאָגן אויף רוחניות

ווען דער חובת הלבבות זאָגט אַז מ'קען האָבן אַ געשמאַקע רואיגע אַרבעט, **איז דאָס נישט קיין סתירה מיט'ן 'אדם לעמל יולד' און 'בזיעת אפך תאכל לחם'**, ווייל וויפיל מער דער מענטש גייט אַרבעטן אויף זיין בטחון וועט ער אַראָפּנעמען דערמיט די יגיעה פון זיין פּרנסה, **אַזוי אַרום וועט ער מקיים זיין דעם 'אדם לעמל יולד' - אויף רוחניות!**

די **גמרא** זאָגט שוין (סנהדרין צט ב): אַז 'אדם לעמל יולד', איז טייטש **'לעמל פה - לעמל תורה'.** מ'קען יוצא זיין דעם פּלאָג מיט'ן אַריינלייגן דאָס מויל אין תורה און תפלה. דאָס זעלבע קען מען יוצא זיין דעם פּסוק 'בזיעת אפך תאכל לחם', דורכדעם וואָס מ'איז עוסק בתורה, ווי ס'שטייט אין פּסוק (משלי ט, ה): **לְכוּ לַחֲמוּ בְלַחֲמִי** - וואָס גייט אַרויף אויף תורה. (עיין ספה"ק מאור ושמש מגילת רות, ד"ה ותרבה).

אויב דו ווילסט לעבן אַ געשמאַקע לעבן בגשמיות, **אַרבעט אויף דיר צוביסלעך, אַז דער עמל זאָל זיין אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ.** אַז דו וועסט האָרעווען אויף תורה און אמונה וועסטו דערמיט יוצא זיין דעם 'בזיעת אפך', און דו וועסט זען בחוש וויאַזוי דיין פּרנסה וועט זיין מיט אַ רואיגקייט און אַלעס וועט פאַלן אין פּלאַץ גרינגערהייט.

ג

# אין אומנות שאין בה עניות ועשירות; פּרנסה האָט בכלל נישט צוטון מיט די שוועריגקייט פון דער אַרבעט

## אַן 'אומנות קלה' איז פּונקט גענוג

אַ גרויסער יסוד איבער דער גאַנצער סוגיא פון אַרבעטן שווער פאר פּרנסה, געפינען מיר אין דער משנה, סוף מסכת קידושין (פב, א): **'אמר רבי מאיר, לעולם ילמד אדם לבנו אומנות נקיה וקלה'.**

אָט די ווערטער פון רבי מאיר איז למעשה דער 'בסיס' פון דעם חובת הלבבות, וואָס זאָגט אַז אַ מענטש קען זיך אויסקלויבן אַ גרינגע אַרבעט. ווייל אויב רבי מאיר האָט געזאָגט אַז מ'זאָל נעמען אַן 'אומנות נקיה וקלה' קען מען זיך פאַרלאָזן אויף אים און **ס'וועט נישט הייסן אַז מ'איז אַן עצלן און אַז מ'טוט נישט די השתדלות.**

אודאי שטייט נישט דאָ אַז מ'קען נעמען אַ פּרנסה בלויז אויף 2-3 שעה, אָדער אַז מ'קען זיך פאַרנאַכלעסיגן און נישט אַרבעטן פלייסיג. ניין, דאָס ערשטע זאַך **דאַרפסטו אָנפילן די צייט וויפיל ס'איז דער סדר העולם צו אַרבעטן**, זאָלסט נישט פאַטשקען די צייט ביים אַרבעטן. אָבער ווען מ'רעדט וועגן די 'סאָרט' אומנות, דאַרף עס בכלל נישט זיין קיין שווערע אויסמאַטערנדע זאַך!

## ווילאַנג ס'איז אַן אָנגענומענע 'אומנות', הייסט עס 'השתדלות'

די משנה זאָגט ווייטער: **ויתפלל למי שהעושר והנכסים שלו, שאין אומנות שאין בה עניות ועשירות, שלא עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות, אלא הכל לפי זכותו.** - מ'דאַרף דאָס גוט איינ'חזר'ן: ס'איז נישטאָ קיין 'אומנות' וואָס ס'איז נישטאָ דאָ דאָרט קיין עניות און קיין עשירות! יעדע זאַך וואָס הייסט אַן 'אומנות', הגם מ'צאָלט שוואַכער דערויף, אָבער ווילאַנג ס'ווערט אָנגערופן אַן 'אומנות', קענסטו זיין רואיג אַז דו

טוסט דערמיט דיין השתדלות פאר פרנסה!

דער מענטש דארף בלויז טון זיין פרנסה מיט אַ געטריישאַפט. **ער דאַרף זיך בודק זיין אויב ער אַרבעט טאַקע די געוועגליכע שעות וואָס ס'איז אָנגענומען צו אַרבעטן.** און אויב ס'בלייבט אים איבער צופיל ליידיגע שעות אין טאָג, דאַרף ער אפשר נעמען נאָך אַן 'אומנות קלה', לויט וויפיל ס'איז דער דרך העולם צו אַרבעטן במשך די שעות היום.

צום ביישפיל ווען איינער איז אַ מגי"ש אין ישיבה קטנה, טראָצדעם וואָס ער פאַרדינט ווייניג, אָבער **ווילאַנג ער פילט אָן זיין צייט, האָט ער געטון זיין חובת השתדלות!** אַמאָל קען זיין אַז אויב האָט ער איבריגע צייט נאָכמיטאָג דאַרף ער אויך צולייגן דאָרט נאָך אַ שטיקל אומנות. דאָס ווענדט זיך וויפיל שעה ער דאַרף האָבן צוצוגרייטן דעם שיעור. אָבער ער דאַרף נישט נעמען אין חשבון, אַז מ'צאָלט נישט גענוג געלט פאר אַ מגיד שיעור וויפיל ער דאַרף האָבן צום לעבן. ווייל **אויב ביסטו עוסק אין אן אומנות קלה ונקיה 'כדרך העולם', האָסטו געטון דאָס דייניגע!** די משנה זאָגט קלאָר אַז דיין עניות און דיין עשירות האָט בכלל נישט צוטון מיט די אומנות.

## ביי יעדע אומנות איז דאָ מענטשן וואָס זענען מצליח

מ'קען דאָס זען בחוש ווען מען באַטראַכט סיי וועלכע 'אומנות' וואָס איז נאָר פאַרהאַן, אַז **איינער האָט דערפון שיין פרנסה און אַ צווייטער איז אָרעם.** פונקט איז אונטערגעקומען פאר דעם מלמד אַ גוטע השקעה אין דעם חינוך פעלד; פונקט האָט אים אַ פאַרמעגליכער טאַטע געבעטן צו לערנען מיט זיין בחור און ער צאָלט אים גאָר שיין יעדן חודש; פונקט האָט זיין בני בית אַ געוויסע זייטיגע הכנסה וואָס דעקט אים דעם חודש מיט אן איבערפלוס, עד כדי כך אַז ער קען נאָך באָרגן געלט פאר אַנדערע מענטשן.

דאָס זאָגט אונז די משנה: **גלייב אַז פרנסה קומט פון דעם רבוש"ע, וועסטו האָבן אַ געשמאַקע לעבן אפילו בגשמיות.** זעהסט דאך אַז ס'איז דאָ מענטשן וואָס געבן זיך אַן עצה מיט דעם זעלבן אומנות! ס'האָט בכלל נישט צוטון וועלכע פרנסה דו טוסט! דו דאַרפסט בלויז אויסוועלן אן 'אומנות נקיה וקלה' וואָס לאָזט דיך איבער מיט אַ 'פנאי ללבו' צו קענען דינען דעם אויבערשטן.

נאָכמער: **אויב וועסטו האָבן 'פנאי ללבו' וועסטו קענען בעסער מתפלל זיין 'למי שהעושר שלו'.** ווייל אויב דו וועסט אויסקלויבן אן אַרבעט וואָס נעמט אַוועק דיין גאַנצע צייט און כח, אפילו אויב דו וועסט דאָרט אַריינשטופן עפעס אַ תפלה, אַ סגולה, אַ יאָרצייט, אָדער אַ קבר פון אַ צדיק, **וועסטו אָבער נישט האָבן פלאַץ אין דיין האַרץ ווייל דו ביסט אַזוי פאַרדרייט.** נעם דעריבער אן אומנות וואָס לאָזט דיך יאָ איבער פלאַץ אין האַרץ, און **יענע ליידיגע פלאַץ פון דיין האַרץ וועט דיך לאָזן מתפלל זיין 'למי שהעושר שלו'**, אַזוי וועסטו טאַקע מצליח זיין!

> **זאָג מיר אַ יישׁ"כ אַז כ'קום בכלל אַהיים ביינאַכט... בעצם קען איך אַרבעטן 24 שעה, כ'בין אַ גוטער אַז איך אַרבעט נאר 12-14 שעה...**

## מ'קען רייך ווערן פון אַ לייכטע אַרבעט, פונקט ווי פון אַ שווערע

דער מהרש"א, אויף די אויבנדערמאַנטע משנה אין מסכת קידושין, זאָגט דאָס לשון: **אל יחשוב אדם דבמלאכה כבידה יתפרנס ותהיה מלאכתו קבע ותורתו עראי** - אַ מענטש זאָל נישט טראַכטן אַז דוקא פון אַרבעטן שווער וועט ער האָבן פרנסה, און דעריבער וועט ער מאַכן 'מלאכתו קבע' און 'תורתו עראי'. ניין, גיי נישט דאָרט! **אלא יעסוק במלאכה נקיה וקלה, שיוכל לעשות תורתו קבע ומלאכתו עראי, כדאמרינן במסכת ברכות** - נעם אַזאַ סאָרט מלאכה וואָס דו זאָלסט קענען מאַכן 'תורתו קבע ומלאכתו ארעי'. **ויתפלל למי שהעושר שלו, שיוכל להתעשר גם ממלאכה קלה ועראי, שהרי ראינו שאין אומנות שאין בה עניות ועשירות כו', ויכול להתעשר ממלאכה קלה ועראי כמו מכבידה שהיא קבע, והכל לפי הזכות ממש.**

ווען מענטשן הערן אַזעלכע ווערטער טראַכטן זיי: זאָג מיר אַ יישׁ"כ אַז כ'קום בכלל אַהיים ביינאַכט... בעצם קען איך אַרבעטן 24 שעה, כ'בין אַ גוטער אַז איך אַרבעט נאר 12-14 שעה...

די מחשבה קומט אָבער **ווייל מ'גלייבט נישט גענוג.** די משנה איז דאָס מוכיח פון דעם פאַקט וואָס מ'זעט במציאות, אַז **ס'איז דאָ מענטשן וואָס ווערן נתעשר פון אַ מלאכה קלה ונקיה!** אויב אַזוי האָט עס גאָרנישט צוטון מיט וועלכע סאָרט מלאכה דו ביסט עוסק.

## השתדלות דארף נישט אַוועקנעמען אַלע כוחות הנפש

אַזוי שטייט אויך אין ספה"ק **נועם אלימלך** פרשת בשלח (ד"ה ויאמר ה'), אַז דער 'פרשת המן' איז אונז געקומען לערנען דעם סדר הדברים, אַז דער רבוש"ע איז אַלעמאָל גרייט צו מפרנס זיין יעדן מענטש. ס'איז טאַקע דאָ אַ מהלך נאָך דעם חטא פון אדם הראשון אַז מ'דאַרף גיין אַרבעטן און אַז דער מענטש דארף עפעס טון פאַר פרנסה, אָבער **די חיוב פון השתדלות איז נישט געוואָרן אויסגעשטעלט אויף אַן אופן אַז ס'זאָל דיך אַרויסנעמען פון די כלים.** פרשת המן קומט זאָגן פאַר'ן איד: מאַך נישט דעם טעות אַז מ'דאַרף זיך אינגאַנצן אַוועקגעבן פאר דער פרנסה. די סדר הבריאה איז נישט אויסגעשטעלט געוואָרן אויף אַזאַ סאָרט אופן!

## אַלע חיות און עופות באַקומען זייער פרנסה אָן קיין פלאָג

דאָס זעט מען אויך פון דעם המשך פון דער זעלבער משנה אין מסכת קידושין, וואו די משנה זאָגט ווייטער: **רבי שמעון בן אלעזר אומר ראית מימיך חיה ועוף שיש להם אומנות? והן מתפרנסין שלא בצער! והלא לא נבראו אלא לשמשני, ואני נבראתי לשמש את קוני, אינו דין שאתפרנס שלא בצער?! אלא שהרעותי מעשי וקפחתי את פרנסתי.**

אַז מ'לערנט אָפּ די משנה שטייט דאָ אַ געוואַלדיגע יסוד: **דו מיינסט אַז ס'דאַרף טאַקע אַזוי זיין אַז דו דאַרפסט אַרבעטן אַזוי ביטער שווער?!** כאַפּ אַ בליק אין דער בריאה, אַלע אַנדערע בעלי חיים דאַרפן בכלל נישט ווערן אַזוי איבערגעשטרענגט פאר זייער ברויט!

נאר וואָס דען? אויב **אַ מענטש פירט זיך נישט ווי ס'דאַרף צו זיין** - ער האָט נישט גענוג בטחון און ער האָט געטון צופיל השתדלות אַנשטאָט זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן - **דעמאָלט באַקומט ער נישט די פרנסה גרינגערהייט**, און דער קנס פון 'בזיעת אפך' איז חל אויף אים מער.

אָבער דער חובת הלבבות פרעגט: **פאַרוואָס דאַרפסטו זיין פון די סאָרט מענטשן?!** ס'איז בכלל נישטאָ קיין ענין צו זיין פון די מענטשן וואָס זענען נישט קיין בעלי בטחון און צוליב דעם דאַרפן זיי לויפן און אַרבעטן שווער און מקיים זיין דעם קנס אַסאַך שווערער. **וויפיל מער דו וועסט זיין אַ בעל בטחון, וועסטו מער זיין נאָענט צו באַקומען דיין פרנסה**, פונקט אַזוויוי אַלע אַנדערע בעלי חיים אויף דער וועלט וואָס באַקומען זייער שפּייז אויף אַ רואיגן אופן.

## די עניים דאַרפן נישט ליידן...

בדרך אגב, פאַרציילט מען אויף הרה"ק רבי **שלום פון שאָץ** זצ"ל אַז יעדע סוף יאָר האָט ער זיך געמאַכט אַ חשבון אויף יעדע פרוטה וואָס ער האָט פאַרדינט במשך דעם גאַנצן יאָר, און ער האָט אַראָפּגענומען דערפון 'מעשר כספים'. אויב האָט פאַסירט אַז איין יאָר איז אַריינגעקומען ווייניגער געלט, האָט ער ווייטער געגעבן דעם זעלבן סכום פון מעשר פונקט ווי די פריערדיגע יאָרן, זאָגנדיג אַז: "וואָס זענען די עניים שולדיג אַז איך האָב זיך געפירט נישט ריכטיג?!"

דער צדיק האָט באמת געגלייבט מיט אַ קלאָרקייט אַז די גאַנצע סיבה פאַרוואָס איך האָב פאַרדינט ווייניגער געלט איז צוליב 'הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי', אויב אַזוי פאַרוואָס דאַרפן די עניים ליידן דערפון?!

## די בריאה איז נישט אויסגעשטעלט צו זיין פאַריאָגט

דאָס שטייט באמת דאָ אין דעם חובת הלבבות, וואָס איז געבויעט אויף דער משנה אין קידושין, אַז **אַ מענטש זאָל זיך אויסקלייבן אַן 'אומנות נקיה וקלה'**, און האָרעווען אין בטחון מיט תפלה. דאָרט זאָלסטו אַריינלייגן דיין אַרבעט!

דער חובת הלבבות בעט זיך ביים מענטש: פאַרוואָס האָסטו זיך איינגערעדט אַז השי"ת האָט געוואָלט אַז דו זאָלסט אַגאַנץ לעבן זיין פאַריאָגט און נאָך מיינען אַז "וואָס זאָל מען טון, כ'דאַרף מאַכן השתדלות"…. ס'קען דאָך נישט זיין אַז דאָס איז דער רצון ה', אַז דער מענטש זאָל זיין אַזוי פאַרדרייט, אַז ווען ס'קומט אַ יום טוב כאַפּט ער זיך אינמיטן אַז ס'איז שוין יום טוב, און ער גיט אַ בליק אַריין אין עפּעס אַ גליון צו קענען איבערזאָגן אַ וואָרט, ער ווייסט נישט וואָס טוט זיך מיט זיין לעבן. **ס'קען נישט זיין אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די בריאה אויף אַזאַ סאָרט אופן!** קוק אַריין אין די הייליגע משנה און האָב אמונה, וועסטו זען וויאַזוי זאַכן וועלן זיך גיין לטובתך.

## אַרבעט ווייניגער און פאַרדינט דאָס זעלבע

ס'האָט מיר דערציילט אַ יונגערמאַן, אַז ביז פאַראַיאָר האָט ער משקיע געווען גאָר אַסאַך כוחות און צייט צו פאַרדינען געלט. ער פלעגט אַוועקגעבן 'זעכצן שעה' פונעם מעת לעת צו אַרבעטן פאַר פרנסה. אָבער דעם אָנהויב יאָר האָט ער געכאַפּט אַן התעוררות, און צוביסלעך האָט ער אָפּגעלאָזט די אַרבעט, און אַנשטאָט דעם האָט ער זיך אַריינגעלייגט צו העלפן מענטשן אין רוחניות. שפּעטער האָט ער נאָכמער אָפּגעלאָזט די אַרבעט, און נאָכמער זיך אַריינגעלייגט צו העלפן מענטשן. א.א.וו.

דער יונגערמאַן זאָגט: "איך האָב זיך געמאַכט דעם חשבון. איך געב היינט צוטאָגס אַוועק אַכט שעה פונעם טאָג פאַר רוחניות, צו העלפן אידן, דער אויבערשטער העלפט אַז ס'קומט אַריין שפע פון דאָ און פון דאָרט. **איך פאַרדין דעם זעלבן סכום געלט וואָס כ'פלעג פאַרדינען אין די פריערדיגע יאָרן** ווען כ'האָב זיך צעריסן פאַר דער אַרבעט!".

ווען מענטשן וואָלטן געמאַכט דעם שינוי אויף אַ ריכטיגן און געזונטן אופן, וועלן זיי דאָס זען קלאָר און דייטליך. פאַרשטענדליך אַז מ'דאַרף דאָס טון, נישט מיט קיין עצלות און לייכטזיניגקייט, נאָר **מיט אַן אמת'ע אמונה און בטחון**, און דעמאָלט וועט מען באַשיינפּערליך זען וויאַזוי השי"ת פאַרלאָזט נישט קיין שום איד.

# אורח לחיים

## וכל אשר נמצא אתו;

אויסנוצן די אייגענע תכונת הנפש פאר עבודת ה'

ליל שישי ויקהל תשפ"ב

א

## כבד את ה' מהונך; יעדער דארף דינען דעם אויבערשטן מיט זיינע אייגענע נאַטורן

**אותיות מחכימות** — ספה"ק אורח לחיים פרשת ויקהל ד"ה כל מרים

כל מרים תרומת כסף ונחושת הביאו את תרומת ה', וכל אשר נמצא אתו עצי שטים לכל מלאכת העבודה הביאו.

ונראה דרמז בזה, דהאדם צריך לעבוד את השי"ת בטובות שנתן לו השי"ת, ומי שהוא בעל מעלה יתירה צריך לעבוד השי"ת בזה, כמאמר רז"ל כבד את ה' מהונך אל תקרא מהונך אלא מגרונך, וכן בכל המעלות שנתן לו השי"ת צריך לחשוב שנתן לו השי"ת זה המעלה כדי לעבוד אותו כי כל פעל ה' למענהו. ואף במעלת מדת הענוה צריך לראות לעבוד הש"י בזה ולירא ממנו שח"ו לא ירחיק מהשי"ת עבור המעלה אם יקח להנאת גופו. ולשון 'כסף' כמו נכסף נכספת, ו'נחושת' מורה על קטנות כמ"ש בזוהר עיי"ש. וזה 'כל מרים', כל מיני מעלות והרמת 'תרומת כסף' של כל מיני כוסף 'ונחושת' ומעלות מדת הקטנות, 'הביאו את', ר"ל הביאו מדת יראה הנקרא 'את' לזה המעלה, ואז נעשה זה המעלה 'תרומת ה'.

'וכל אשר נמצא אתו עצי שטים', דהנה האדם צריך לרחוק ממדת עקשות, רק כנגד היצר הרע צריך להיות עקשן גדול כמ"ש 'אם יפתוך חטאים אל תבא', ובכל מיני פתויים מחשבת יצה"ר צריך עקשות גדול. וזהו פירוש הפסוק: 'לבב עקש יסור ממני רע לא אדע', שהתפלל דוד המלך ע"ה שלא יהי' לבב עקש רק באופן רע לא אדע, ר"ל שלא יהיה לו יצר הרע, כמו שקראו השי"ת רע, כי יצר לב האדם רע מנעוריו, ואם לא יהי' לו יצה"ר כלל, אז 'לב עקש יסור ממני', שלא יהי' עקשן כלל, כמו שדרשו רז"ל: 'לעולם יהא אדם רך כקנה ואל יהא קשה כארז'. וזהו שאמר: 'וכל אשר נמצא אתו עצי שטים' מדת העקשות שקשה כארז, 'למלאכת העבודה הביאו', ר"ל עבד בזה השי"ת במדה זאת ונלחם עם היצה"ר במדה זאת.

## דיינע ספּעציפישע מדות – איז דיין שליחות

אין ספה"ק **אורח לחיים**, פון הרה"ק רבי **אברהם חיים מזלאָטשוב** זי"ע, איז דאָ די וואָך פרשת ויקהל, הייליגע און קלאָרע יסודות פאר אונזער דור, מיט אַ מימרא פון זיין גרויסן רבי'ן, דער **מגיד פון מעזריטש** זי"ע, וואָס איז אַ געוואַלדיגע חיזוק פאר יעדן איד, יעדן יונגערמאַן און יעדן בחור.

דער פּסוק זאָגט (שמות לה, כד): **כָּל מֵרִים תְּרוּמַת כֶּסֶף וּנְחֹשֶׁת הֵבִיאוּ אֵת תְּרוּמַת ה', וְכֹל אֲשֶׁר נִמְצָא אִתּוֹ עֲצֵי שִׁטִּים לְכָל מְלֶאכֶת הָעֲבֹדָה הֵבִיאוּ** - יעדער איד האָט געברענגט פאַר דעם תרומת ה' דאָס וואָס ער האָט געהאַט אין באַזיץ. ווער ס'האָט געהאַט כסף ונחושת האָט דאָס געברענגט, און ווער ס'האָט געהאַט עצי שטים האָט דאָס געברענגט.

שטייט אין ספה"ק אורח לחיים: **ונראה דרמז בזה, דהאדם צריך לעבוד את השי"ת בטובות שנתן לו השי"ת** - דער פּסוק וויל דאָ מרמז זיין אַז יעדער מענטש דאַרף דינען דעם אויבערשטן מיט די ספּעציפישע טובות, אייגנשאַפטן און מעלות וואָס ער האָט באַקומען פון הימל. צום ביישפּיל: אויב איז ער אַ מסודר'דיגער מענטש, קען ער טון אַזויפיל גוטע זאַכן, ער קען העלפן מענטשן וואָס זענען פאַרדרייט מיט געלט, א.א.וו. יעדער מענטש האָט זיינע אייגנאַרטיגע שטריכן און תכונות הנפש וואָס מ'קען אויסנוצן אָן קיין שיעור פאר עבודת ה'.

**ומי שהוא בעל מעלה יתירה צריך לעבוד**

**השי"ת בזה** - נעם די מעלה וואָס דער אויבערשטער האָט דיך געגעבן, מאַך אַ חשבון וועלכע סאָרט תכונה דו האסט באַקומען, און הייב אָן דינען דעם אויבערשטן דערמיט! **כמאמר רז"ל כבד את ה' מהונך אל תקרא מהונך אלא מגרונך** - דו האסט געלט?! זיי אַן עובד ה' מיט'ן געלט! קענסט שיין זינגען?! זיי אַן עובד ה' מיט'ן זינגען! **וכן בכל המעלות שנתן לו השי"ת צריך לחשוב שנתן לו השי"ת זה המעלה כדי לעבוד אותו כי כל פעל ה' למענהו** - יעדע מעלה וואָס דו האסט דאַרפסטו נוצן אויף עבודת ה'. טראַכט אַריין אַז אויב דער אויבערשטער האָט מיך געגעבן דעם חוש מיינט דאָס אַז איך דאַרף אים דינען דערמיט.

### מקיים זיין דעם רצון ה' דוקא מיט די אייגענע תכונת הנפש

מ'קען הערן ווי מענטשן זאָגן: "אָה, איך האָב דעם חוש, וועל איך קענען האָבן דערפון פרנסה". דאָס קען טאַקע אויך זיין אמת, ווייל **דער רבוש"ע האָט דיר געגעבן דעם חוש כדי אַז דו זאָלסט אים דינען דוקא מיט דעם טאַלאַנט.** און גראדע איז די זאַך פון ברענגען פרנסה אויך אַ חלק פון עבודת ה', אַז דו זאָלסט אַנטייל נעמען אין ישוב העולם, דעריבער קענסטו דאָס אויך קענען נוצן פאר דיין אַרבעט, צו העלפן אַנדערע אידן דערמיט. אָבער בעיקר דאַרף מען געדענקן אַז די תכונות וואָס אַ מענטש האָט באַקומען איז אים געגעבן געוואָרן צו קענען דינען השי"ת דערמיט.

ס'זענען דאָ מענטשן וואָס זענען געבוירן מיט אַ מתנה, אַז זיי פאַרשטייען צו אַנדערע מענטש'נס געפילן. קיינער האָט זיי דאָס נישט אויסגעלערנט, ס'איז אַן אינסטינקט וואָס זיי האָבן שוין פון אַלס קליין קינד, אַז זיי פאַרשטיין צו אַנדערע מענטשן ווען יענער גיט נאר אַ ווינק מיט די אויגן; זיי כאַפּן גלייך אויף ווען יענער קען ווערן געטשעפּעט וכדומה.


דו האסט געלט?! זיי אַן עובד ה' מיט'ן געלט! קענסט שיין זינגען?! זיי אַן עובד ה' מיט'ן זינגען!


אויב אַ מענטש איז געשאנקן געוואָרן מיט דער מתנה איז טייטש אַז **ער דאַרף דערמיט העלפן אידן.** צום ביישפּיל קען ער אַסאַך גרינגער שלום מאַכן צווישן אַנדערע מענטשן, און אַזוי איז דאָ נאָך אַ געוואַלד מיט מעשים טובים וואָס ער קען בעסער דורכפירן. אַזאַ סאָרט מענטש קען אפילו מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם אַסאַך שטאַרקער, ווייל ער פאַרשטייט גלייך, נאָך איידער מ'האָט אים בכלל עפּעס געבעטן, אַז: "מסתם וועט די מאַמע ליב האָבן ווען מ'זאָגט איר די סאָרט ווערטער"... יעדע פון די תרי"ג מצוות קען מען אַסאַך שטאַרקער מקיים זיין, לויט די תכונות וואָס דער מענטש האָט.

### מ'קען נוצן עקשנות צום גוטן

דער ספה"ק אורח לחיים שמועסט אויס אַז אפילו ווען אַ מענטש האָט די נאַטור פון 'עקשנות', וואָס איז טאַקע נישט קיין געשמאַקע מדה, ווייל געווענליך דאַרף מען זיין אַ 'רך כקנה'. אָבער **ווען ס'קומט צום יצר הרע איז יאָ וויכטיג צו האָבן די מדה פון עקשנות.** טאָמער אַ מענטש איז אַן עקשן בטבע, האָט ער די כוחות הנפש אַז ווען ער נעמט זיך אונטער אַ גוטע זאַך, קען ער גיין דערמיט ביז'ן סוף קעגן דעם יצר הרע.

מיט דעם יסוד טייטשט דער אורח לחיים אַזוי זיס אַריין וואָס דוד המלך האָט געזאָגט (תהלים קא, ד): **לֵבָב עִקֵּשׁ יָסוּר מִמֶּנִּי רָע לֹא אֵדָע.** ווייסטו ווען כ'קען אַוועקנעמען פון מיר דעם 'לבב עקש' - די מדה פון עקשנות?! אויב ס'וועט זיין 'רע לא אדע' - טאָמער דער יצר הרע וועט אַוועקגיין פון מיר, כ'וועל שוין נישט וויסן פון קיין 'רע', דעמאָלט קען זיין 'לבב עקש יסור ממנו'. אָבער דערווייל, ווילאַנג איך האָב נאָך אַ יצר הרע, מוז איך נאָך האָבן מיין מדת עקשנות צו קענען זיך קריגן מיט אים!

### דער עקשן בקדושה האַלט אויף זיין גאַנצע סביבה

מ'קען דאָס טאַקע זען בפּועל, ביי מענטשן וואָס זענען עקשנים, אויב זיי נוצן די מדה נישט ריכטיג, דעמאָלט איז גרויסע צרות... אָבער **אויב זיי אַרבעטן דאָס אויס, קענען זיי אַזויפיל אויסשטייגן דערפון.** זיי האַלטן זיך שטאַרק מיט זייערע קבלות טובות. זיי האַלטן זיך מיט זייערע זהירות, און מיט זייערע הנהגות, ווייל זיי האָבן די שטאַרקייט אַז: **"מען דאַרף זיך פירן ווי אַן ערליכער איד! מ'פּאַלט נישט ווייל אַנדערע פאַלן!".**

אַזעלכע מענטשן קענען אַסאַך מאָל אָנהאַלטן די גאַנצע סביבה אַרום זיך. אייביג זענען דאָ מענטשן וואָס ווערן שוואַכער אין לבוש אָדער אין ערנסטקייט. ווער איז דער וואָס האַלט דעם גאַנצן עולם צוזאַמען און וואָס מאַכט אַז דער עולם זאָל נישט פאַלן שטאַרקער?! **דער עקשן!** ער זאָגט: "איך ווער נישט דערשראָקן פון דעם אַרום. מ'דאַרף ווייטער דינען דעם אויבערשטן! אפילו אויב יענער פירט זיך נישט ריכטיג, דאַרף מען ווייטער טון וואָס מ'דאַרף טון!".

ב

## תורה תבלין; די תורה איז אַ 'תבלין' וואָס מאַכט געשמאַק אַלע סאָרט אייגנשאַפטן און מדות רעות

### 'תבלין' מאַכט אַ גוטן טעם פאַר עסנוואַרג

אין דעם זעלבן ספר אורח לחיים אויף די וואָכנדיגע פּרשה, ברענגט ער אַ מאמר פון זיין רבי, דער הייליגער מגיד, **'הרב הגדול בוצינא קדישא מו' דוב בער זלה"ה'** אויף דעם וואָס **חז"ל** זאָגן (קידושין ל, ב): 'בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין'.

די פּשוט'ע טייטש דערפון איז, אַז דער רבוש"ע האָט באַשאַפן אַלע שווערע יצר הרע'ס, און ער האָט אויך באַשאַפן די הייליגע תורה, וואָס אויב מ'האָרעוועט אַריין אין לערנען איז דאָס מבטל דעם יצר הרע.

אָבער דאָס וואָרט 'תבלין' איז לכאורה אַביסל שווער צו פאַרשטיין, ווייל ס'וואָלט געדאַרפט שטיין: 'בראתי יצר, בראתי תורה ללחום נגדו', אָדער 'בראתי תורה שמבטלו', וכדומה. אַ **'תבלין' איז בדרך כלל אַ געווירץ וואָס מ'לייגט אַריין צו מאַכן געשמאַקער דאָס עסן.** ווען אַ מענטש האָט פלייש, גייט די 'תבלין' נישט מבטל זיין דאָס פלייש, אדרבה! **ס'גייט געשמאַקער מאַכן דאָס פלייש.** אויב אַזוי, פאַרוואָס שטייט דאָ אַז די תורה איז אַ תבלין פאַר'ן יצר הרע?!

### אָפּקאָכן די מדות אַז ס'זאָל מקרב זיין צו השי"ת

ברענגט דער אורח לחיים וואָס זיין רבי, דער הייליגער מגיד, האָט געזאָגט: אַז ווען אַ מענטש האָט געוויסע תכונות הנפש וואָס ווערט אויסגענוצט דורך דעם יצר הרע אים אַראָפּצושלעפּן אויף מכשולות, איז נישט דער רצון ה' אַז די תכונות הנפש זאל אינגאַנצן בטל ווערן. נאר **די תכונה דארף ווערן איבערגעדרייט און גענוצט פאר קדושה!**

ווען אַ מענטש האָט שטאַרק די מדה פון 'אש', קען דאָס אים ברענגען חלילה לידי כעס אָדער

## ➤ אותיות מחכימות ➤

**ספה"ק אורח לחיים פרשת ויקהל ד"ה קחו מאתכם**

ואמרתי דהנה הרב הגדול בוצינא קדישא מו' דוב בער זלה"ה אמר פירוש על מה שאמרו: בראתי יצר הרע בראתי תבלין, היינו התורה. הנה אין המשל דומה לנמשל, אם נותנין תבלין לתבל הבשר, הבשר עיקר. וכאן אמר בראתי יצה"ר בראתי תבלין התורה, והאיך נאמר כאן שהיצה"ר הוא העיקר והתורה תבלין.

ואמר שהאמת הוא כך שהיצה"ר הוא עיקר העבדות, שהשי"ת ברא לאדם להיות עובד את ה' בהתלהבות ובכוחות היצה"ר, אבל אם אם יאחז בכחות היצר הרע הי' יכול לפול לעשות גשמיות, והתורה הוא תבלין לשמור האדם שלא יפול עם התלהבות במעשה הגשמיות, אבל עיקר העבדות הוא בהתלהבות, כמ"ש: 'אורייתא ומצוה בלא דחילא ורחימא לא פרחת לעילא' עכ"ד בקיצור, וכשעובד השי"ת בהתלהבות היצה"ר נמצא עושה מיצר הרע - יצר הטוב ומקדש ומטהר כחות היצר, אבל כשהולך אחר פיתוי היצה"ר ועושה עבירות, נמצא הוא מקלקל ומחטיא היצה"ר, כי היצה"ר בעצמו חשקו ורצונו שהאדם לא יציית אותו, כמו ששמעתי מאדמו"ר הגאון החסיד בוצינא קדישא מוהר"ר שמואל שמעלקא אב"ד דק"ק ניקלשפארג: 'בקש שלום ורדפהו', כלומר אם תבקש שלום עם היצה"ר, 'ורדפהו' תרדוף אותו ולא תציית אותו, כי רצונו וחפצו בזה אבל הוא עושה עבודתו, עכ"ד ודפח"ח... ולפ"ז נכון בנוסח על חטא ששם פרט כל העבירות בפרטות, וגם אמר שם על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע, כלומר שחטאנו לפניך ביצה"ר שהלכנו אחר עצתו שנברא בשביל זה לפתות בני אדם, וכשהלכנו אחר עצתו קלקלנו אותו ממש, כנ"ל.

---

לידי תאוה, ס'קען אים טראָגן צו נישט גוטע זאַכן. אָבער טאָמער ער גייט דאָס איבערקערן צום גוטן, קען ער זוכה זיין צו אַ **פייערדיגע דאַווענען**, ער קען שפּירן אַ דערהויבענער **שבת מיט אַ יום טוב**, ער קען האָבן אַ **וואַרעמקייט פאר אַ צווייטן איד**, ער קען זיך **צוּוויינען ווען ער הערט אַ אידישע צרה.** ער איז נישט עפּעס אַ קאַלטע זאַך, נאָר ער איז מלא חיות און מלא אש!

דאָס איז טייטש 'תורה תבלין' - וואָס נעמט די מדה און מאַכט עס געשמאַק. די **אַרבעט איז נישט צו לוחם זיין מיט דער מדה. נאָר צו נעמען די מדה און דאָס אָפּקאָכן ביז ס'ווערט ראוי לאכילה.** די תורה פאַרוואַנדלט די מדות פון אַ מענטש אַז ס'זאָל אים דינען אויפ'ן גוטן אופן.

דאָס זעלבע זאַך איז ווען אַ מענטש האָט שטאַרק די מדה פון 'עפר'. אויב נוצט ער דאָס אויפ'ן אומריכטיגן אופן ברענגט דאָס אים צו 'עצלות' און 'עצבות'. ס'שלעפּט אים אַראָפּ און ס'איז אים מגשם חלילה. אָבער **אויב דרייט ער דאָס איבער דורך דעם 'תורה תבלין', קען מען טון דערמיט אַזויפיל גוטע זאַכן.** מ'קען דערפון האָבן אַ ישוב הדעת, מ'קען דערמיט העלפן אַנדערע אידן נישט צו מאַכן קיין נאַרישע החלטות. ס'איז דאָך דאָ אַזויפיל פּראָבלעמען וואָס קומט ווייל מענטשן טוען איבערגעאיילטע שריט, און אַז מ'נוצט ריכטיג די מדה פון 'עפר' **קען מען זיך העלפן און מ'קען העלפן אַנדערע.**

### די ריכטיגע באַדייט פון 'האדם לא נברא אלא לשבר הטבע'?!

ווען מ'לערנט אַזאַ יסוד, אַז די תורה הק' העלפט פאַר'ן מענטש צו אויסגלייכן אַלע זיינע תכונת הנפש אַז ער זאָל קענען דינען השי"ת מיט אַ געשמאַק, קענען מענטשן פרעגן: דער הייליגער רבי ר' **אלימלך** זי"ע שרייבט דאָך אין צעטיל קטן אַז 'האדם לא נברא אלא לשבר את הטבע'? לכאורה איז דאָס טייטש אַז מ'דאַרף יאָ לוחם זיין קעגן די תכונת הנפש?!

דאָס איז אָבער אַ טעות, ווי דער אורח לחיים זאָגט אין דעם פריערדיגן שטיקל, אַז **דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר יעדן איינעם אַ באַזונדערע נאַטור וואָס דוקא מיט דעם תכונת הנפש דאַרף ער דינען דעם רבוש"ע.** 'האדם לא נברא אלא לשבר את הטבע' איז טייטש אַז מ'זאָל אַראָפּנעמען די נישט גוטע חלק פון די אייגענע נאַטורן, און מ'זאָל פאַרוואַנדלן די מדה צו אַ שטאַפּל פאר עבודת ה'!

### צעברעכן דעם חומר און אויסנוצן די טבע פאר גוטע זאַכן

ס'איז נישטאָ קיין איין מענטש וואָס האָט נישט קיין מיוחד'יגע שליחות אויף דער וועלט, און דערפאַר האָט יעדער איינער אַן אַנדערע סאָרט כאַראַקטער און אַן אַנדערע מיזוג פון מדות. צום ביישפּיל: ס'איז דאָ מענטשן וואָס האָבן אַ מיזוג הנפש אַז זיי זענען קלוג און זיי האָבן אַסאַך געפילן. אָבער **די קלוגשאַפט אינאיינעם מיט די געפילן מאכט זיי פּראָבלעמען.** ווייל צוליב זייער קלוגשאַפט פאַרשטייען זיי צו שטאַרק זייערע ווייטאָגן, און זיי ווערן אַריינגעטונקען אין זייערע געפילן פון וואו זיי קענען נישט אַרויסקריכן. די תכונה פון זיין אַ טיפער סאָרט מענטש צוזאַמען מיט אַסאַך געפילן, ברענגט אַ שטאַרקע ווייטאָג, יוסיף דעת יוסיף מכאוב. אָבער ווען **מען אַרבעט דאָס ריכטיג אויס, קען אַזאַ מענטש אָנקומען צו אַזאַ געוואַלדיגע עבודת ה'** אויף גאָר אַ הויכע סאָרט אופן.

דער יצר הרע וויל אַז מיר זאָלן אויסנוצן אַלע אונזערע מדות אויף זיין וועג, אָבער: 'האדם לא נברא אלא לשבר את הטבע'! אַ **איד דאַרף צעברעכן דעם חומר און אויסנוצן זיין טבע פאר עבודת ה'.** איינער וואָס האָט ליב צו רעדן אַסאַך, קען רעדן אַסאַך דברי תורה ותפלה. איינער וואָס האָט ליב צו זינגען, קען מכבד זיין את ה' מגרונו, א.א.וו.

### ס'ווערט געבויעט אַ משכן פאר אַלע אידן

דער אורח לחיים לייגט דאָס אַריין אין דעם פּשט פון פּסוק: "וכל אשר נמצא אתו עצי שטים לכל מלאכת העבודה הביאו" - אַז ווען יעדער איינער ברענגט זיין ספּעציפישע טאַלאַנט און אייגנשאַפט פאַר'ן אויבערשטן, **בויעט זיך פון דעם אַ משכן פאר אַלע אידן!** נישט בלויז דער מענטש אַליין ווערט אויפגעהויבן דורכדעם, נאר אַלע וואַרטן אויף דיר. דו האסט כסף? ברענג כסף! האסט נחושת? ברענג נחושת! **יעדער דארף האָבן דיין תכונת הנפש!**

אַזויווי מ'האָט פריער דערמאַנט: ווען ס'איז דאָ אַ קהלה וואו געוויסע לויזע מענטשן הייבן אָן אַריינצוברענגען געוויסע התרשלות'ן און נייע מאָדעס. איז אַלעמאָל דאָ דער עקשן פון דער שול, וואָס **אַלע דאַרפן האָבן זיין עקשנות,** ווייל טאָמער ס'וועט נישט זיין דער עקשן וועלן אַלע חלילה נאָכגעשלעפּט ווערן! דער מענטש קען טראַכטן: "אַלעמאָל דאַרף איך זיין דער איינציגסטער וואָס רופט זיך אָן?!" - **זאָלסט אָבער וויסן אַז אַלע דאַרפן האָבן דיין עקשנות!**

דאָס איז נוגע ביי יעדע תכונה וואָס דער מענטש האָט. אויב איינער פאַרמאָגט 'נחושת' און ער ברענגט דאָס נישט, איז נישטאָ קיין משכן! און אויב איינער האָט 'עצי שטים' און ער ברענגט דאָס נישט, איז ווייטער נישטאָ קיין משכן! דאָס זעלבע איז ברוחניות, **יעדער איינער דאַרף ברענגען זיין אייגענע מצב,** ווייל דער מצב וואָס דו ביסט דורכגעגאַנגען איז קיינער נישט דורכגעגאַנגען. ווי די ספרים טייטשן: אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו - ולמקומו לא תגיע. נו **אויב אַזוי, ברענג די זאַך וואָס דו האסט זיך געלערנט און מאַך אַ משכן דערפון פאר אַלע אידן!** אָט אַזוי וועלן מיר זוכה זיין בעז"ה צו אַן אמת'ע השראת השכינה.

> **ווער איז דער וואָס האַלט דעם גאַנצן עולם צוזאַמען און וואָס מאַכט אַז דער עולם זאָל נישט פאַלן שטאַרקער?! דער עקשן!**

## נקודה למחשבה

# 'תפלה קודם התפלה'; דער כח התשובה פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע

כ"א אדר, ליל שישי תשא תשפ"ד

### יעדע הרהור תשובה איז בכוחו ובזכותו

ס'איז ידוע אַז דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** זכותו יגן עלינו, האָט כל ימיו עוסק געווען צו אַריינברענגען אין אידישע קינדער תשובה אויף אַ מורא'דיגן פאַרנעם. הרה"ק רבי **יענקעלע מפשעוואָרסק** זי"ע האָט דערציילט (געדרוקט אין י"ג אורות) אַז דער ערשטער **בעלזער רב** זי"ע האָט געזאָגט: **"דאָס וואָס אַ איד האָט תשובה געטון, דאָס וואָס אַ איד טוט תשובה, און דאָס וואָס אַ איד וועט טון תשובה, איז אַלעס בכוחו פון רבי ר' אלימלך".**

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע האָט אַראָפּגעברענגט אַ געוואַלדיגע כח פון תשובה אויף דער וועלט. דאָס איז אַ כח וואָס איז געגעבן געוואָרן פאַר אונז. ער האָט עוסק געווען בתשובה כדי **אַז אידישע נשמות זאָלן זיך קענען מיטכאַפּן** און אַז מיר זאָלן קענען אויך האָבן אַ הרהור תשובה.

### די אידישע השתוקקות צו תשובה

ווען אַ מענטש וואָלט געהאַט די ריכטיגע שכל וואָלט געווען אַזוי פשוט ביי אים אַז זיין וויכטיגסטע תשוקה איז די רצון אַז ער זאָל זוכה זיין צו תשובה. אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן אַ שטאַרקע בהירות דערינען. **ווען מען פרעגט אים: "וואָס ווילסטו זוכה זיין?" דאַרף זיין די ערשטע ענטפער: "איך וויל זוכה זיין צו תשובה טון!"**. אויב אַ מענטש פאַרשטייט אַביסל וואָס תשובה באַדייט איז פשוט ביי אים אַז דאָס איז זיין השתוקקות! ער וויל זוכה זיין צו תשובה שלימה! דער מושג דאַרף זיין אַזאַ דבר פשוט עד מאוד!

### פאָרן צו קברי צדיקים ווייל "איך וויל תשובה טון"

מ'זעט אַז מענטשן זוכן ישועות. מען פאָרט צו קברי צדיקים, ווייל ער זוכט פרנסה, ער זוכט אַ סגולה פאַר דעם ענין אָדער פאַר יענעם ענין. מענטשן זענען מסכים צו צאָלן גרויס געלט צו פאָרן אויף אַ ציון פון אַ צדיק ווייל ער מאַכט זיך דעם פשוט'ן חשבון, אויב ס'וועט טאַקע אַרבעטן די סגולה פאַר פרנסה וועט זיך עס אויסצאָלן...

אָבער מ'קען אויך פאָרן מיט אַ תשוקה אַז: "איך וויל זוכה זיין צו תשובה! ווי קען מען שאַפן אַביסל תשובה?!". **דאָס איז דאָך ווערד כל הון דעלמא!** ווען דער מענטש וואָלט געהאַט אַביסל שכל וואָלט דאָס געווען זיין עיקר תשוקה.

### דיין האַרץ וויל עס, לאָז עס אַרויסקומען!

אַ איד דאַרף דאָס פשוט לאָזן אַרויסקומען. זיין נשמה וויל דאָס! עס ליגט אינעווייניג אין דיין האַרץ, לאָז זיך אַז ס'זאָל אַרויסקומען! ס'זאָל זיך אַרויסזאָגן די אינערליכע תפלה! **'וויאַזוי' צו תשובה טון איז שוין נאָך אַ סוגיא, אָבער די ערשטע זאַך האָב כאָטש דעם השתוקקות צו תשובה!** דאָס זאָל דיך ליגן אין קאָפּ! זאָג אַ קאַפּיטל תהלים אַז דאָס ווילסטו! "רבוש"ע איך וויל זוכה זיין צו תשובה".

### די סיבה פאַרוואָס דער מענטש זאָגט נישט די 'תפלה קודם התפלה'

אין דער 'תפלה קודם התפלה' פון ר"ר אלימלך זי"ע, ליגט טאַקע **אַזאַ גרויסע תשוקה אויף תשובה.** די הייליגע תפלה איז אַ געוואַלדיגע כלי צו קענען אַרויסברענגען די תשוקה ביי אַ איד אַז ער זאָל תשובה טון.

די תפלה איז געדרוקט אין אַלע סידורים אָבער דער מענטש נעמט נישט די פינף מינוט צו זאָגן די תפלה, **וויבאַלד ער האָט נישט די ריכטיגע השתוקקות פאַר תשובה!** יעדער איינער נוצט אויס די פינף מינוט פאַר אַנדערע זאַכן, זה בכה וזה בכה. איינער האָט נאָך פינף מינוט אין בעט, דער אַנדערער נוצט די פינף מינוט צו קוקן נייעס און שטותים, און אין בעסטן פאַל לערנט ער נאָך אַפּאָר שורות גמרא אין די פינף מינוט. פאַרוואָס?! ווייל טיף האָט ער געמאַכט אַ החלטה אַז ס'איז מיר וויכטיגער די זאַכן ווי די תפלה קודם התפלה פון רבי ר' אלימלך.

ערגעץ וואו, אומוועלנדיג, האָט ער געמאַכט די החלטה, אַז ער האָט נישט אַזאַ השתוקקות פאַר תשובה, ס'איז אים וויכטיגער צו לערנען ווי צו תשובה טון.

### אַז מ'וועט זאָגן די 'תפלה קודם התפלה' וועט מען האָבן אויך מער צייט צו לערנען

דאָס דערמאַנט די עובדא אַז דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע ווען ער איז געווען יונג האָט ער אַסאַך מאריך געווען בתפלה, האָבן אים אַנדערע לומדים געזאָגט אַז אין דער צייט ווען ער האָט געדאַוונט אַזאַ לאַנגע שמונה עשרה האָבן זיי מצליח געווען צו לערנען צוויי בלאַט גמרא. האָט דער חתם סופר זיי נאָכגעזאָגט די גמרא אין ברכות (נה ע"א): **"המאריך בתפלתו מאריכין לו ימיו ושנותיו"**, אויב אַזוי וועל איך שוין דעקן די צוויי בלאַט גמרא... אַז כ'בין מאריך בתפלתו וועל איך שוין האָבן ווען צו לערנען...

ממש די זעלבע זאַך איז נוגע לענינינו, **ווען אַ מענטש וואָלט פאַרמאַכט די גמרא צו תשובה טון, וועט ער פאַרדינען אַסאַך מער אויך פאַר זיין תורה.** ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען וואָס דו באַקומסט פון תשובה וואָלט שוין אַלעס געדעקט געוואָרן.

מ'דאַרף אַריינטראַכטן אין דער תועלת פון די מצות עשה פון תשובה. און דערנאָך ווען מען האָט שוין די תשוקה, לאָז די תשוקה ברענען, לאָז די תשוקה אַרויסגיין דורך אַ תפלה פון רבי ר' אלימלך, דורך עטליכע קאַפּיטלעך תהלים א.א.וו. דאָס איז איינס פון די וועגן וויאַזוי אַ איד קען זיך מדבק זיין צום הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע, **זכותו יגן עלינו.**


## פטרון חודש אדר

נתנדב לזכות

**יואל צבי** בן **רבקה געגענדל**

לברכה והצלחה בכל הענינים

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לו
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

## פטרון השבוע

נתנדב ע"י

הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו

לרגל הכנס בנו בבריתו של אברהם אבינו ע"ה

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לו ולב"ב
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא
וכשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים אמן.

## קול הבינני

ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

## ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**בארא פארק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב